Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

| Nr. 299/1594 | Łódź, Poniedziałek 24 grudnia 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, יא טבת תרפ"ט | Nr. 299/1594 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# סאוויעטיש-דייטשע האנדעלס-קאנפערענץ

## געבראכט צו א פאזיטיווע רעזולטאט אין איינינגע ענינים.

מאסקווע. 23. (א. וו.) די לעצטע זיצונג פון דער סאוויעטיש-דייטשער האנדעלס-קאנפערענץ האט געדויערט פון פרייטאג מיטאג ביז שבת איבערפריה.

די רעזולטאטען פון די לאנג-דויערענדע בעראטונגען שטעלען זיך אין אלגעמיין, פאר פאזיטיוו.

אין בעצוג צו די קרעדיט-פראגען איז צווישען די ביידע צדדים נישט געקומען צו קיין הסכם.

דערפאר אבער איז אין די ענינים פון טעלעפאנישע קאמוניקאציע, דער טראנזיט-קאנווענץ און וועגען שוץ פאר דייטשע בירגער אין סאוויעטען-לאנד געקומען צו א פולשטענדיגער פערשטענדיגונג.

די דאזיגע קאנפערענץ איז געווען די לעצטע פאר די חגאות, און די בעראטונגען זענען איבערגעריסען געווארען אויסשליסליך צוליב ערב יום-טוב.

### די פויליש-דייטשע אונטער-האנדלונגען.

ווארשא, 23. (טעלעפאניש). דער פוילישער בעפולמעכטיגטער ביי די האנדעלס-אונטערהאנדלונגען מיט דייטשלאנד א. נ. טווארדאווסקי האט דעם 21 ד. ח. ארויסגעשיקט א בריף צו דעם פארזיצער פון דער דייטשער דעלעגאציע, מיג. הערמעס, אין וועלכען ער שטעלט פאר דער דייטשער דעלעגאציע פוילען'ס קאנקרעטע פארשלאגען, בנוגע די דייטשע פאסטולאטען, וואס זענען לעצטענס ארויסגערוקט געווארען אין ווארשא.

דער פוילישער ענטפער נעהמט אין אכט די רעאלע דייטשע פאדערונגען מכח דעם האנדעלס-טראקטאט, און דער דאזיגער ענטפער קאן זיין דער יסוד פאר א ווירטשאפטליכער פערשטענדיגונג, אויב דער צד שכנגד וועט נאכקומען די גערעכטע פוילישע פאסטולאטען.

### אַנ'אויסגוס פון דער נעווא

מאסקווע, 23 (א.וו.) לויט ידיעות, וואס זענען דא דערהאלטען געווארען, איז די נעווא ארויס פון די ברעגען און א סך לענינגראדער פאבריקען, וואס געפינען זיך אין די פארשטעט שטעהען טיילווייז אין וואסער. אויף גאסען, וואס ליגען נידריגער דערגרייכט דאס וואסער ביז צום ערשטען שטאק.

מחמת דער צופלוס פון וואסער האט זיך אפגעשטעלט, רעכענט מען, אז די פערפלייצונג וועט זיך נישט פערשפרייטען.

צאהלט נישט איבער!

פערגעסט נישט, אז די פערפומעריע

S. BUCHWAJC, Łódź, Piotrkowska 22, TELEF. 34-13

איז געוועזען און בלייבט ביליג.

דארט בעקומט איהר צו שפאט-ביליגע פרייזען פערפומען, זייפען, פודער, אינ- און אויסלענדישע.

בעמערקונג: יעדער קויפער בעקומט ראטים 1 פלאקאן אריגינעלען פערפום און 1 טובקע קרעם „FASCYNATA"

די חברים

חנה פאדערמאן און דוד בייגעלמאן

צו זייער היינטיגען

פייערליכען יום-טוב פון זייער זוהן פנחס

ווינשען פיל גליק און א הארציגען מזל-טוב

וו. נייהויז און פאמיליע.

Dr. ADAM GROSGLIK

Al Kościuszki 27

tel. 51-78,

הויט און ווענערישע קראנקה. רענטגען און ליכט-היל אינסט. נעמט אן פון 4—7 אין אוונט

צוריקגעקעהרט

מקרב ולב עמוק משתתפים אנו בצערו הרב של חברנו בעבודה, מר צבי רינגרט לכות עליו

אבין נ. ע.

בעבותנו המשותפת בעד התגשמו תהרעיון הציוני תמצא את נחומיך, חבר!

המזכירות ופקידי הלשכה הציונית בלודז.

3325

אונזער פריינד ה' צבי רינגארט צוליב'ן טויט פון זיין

פאטער נ"ע

אונזער איניגסטען מיטגעפיהל

דוד און בנימין זילבערבערג.

אנו מביעים בזה את רגשי השתתפותנו החמה לחבר הלשכה הציונית ומנהל עבודת ה„קרן הקימת לישראל" בלודז, מר צבי רינגרט בצערו הגדול לרגלי מות עליו

אבין ז"ל

בעבודתו המסורה למען גאולת אדמתנו ינוחם!

ועד ההסתדרות הציונית,

ועד „קרן היסוד",

ושדת ה„קרן הקימת לישראל".

3325

אונזער פריינד י. רינגארט, צוליב דעם טויט פון זיין ליבען

פאטער

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

פעלא פרייבערג און מאניא באכנער.

3322

אונזער טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס דער פאמיליע פרענקעל

צום פריהצייטיגען טויט פון זייער הייס-געליבטער טאכטער

שרה נ. ע.

זייט געטרייסט!

הערש גראסמאן און פאמיליע,

בנימין זילבערבערג.

3321

אנו משתתפים בצערו הגדול של חברנו מר צבי רינגרט במות עליו

אבין נ. ע.

חבריו יבלונסקי, עדלמן ומלדקי.

3323

